בס"ד

# עונג שבת

## פרשת חקת תשע"ג

גוט שבת אלע אידן. *המשך פון פאריגע וואך...* נישט לאנג נאך דעם מלוה מלכה, האבן די רומענישע רשעים איינגעשפארט דעם סקולענער רבי'ן אין תפיסה. און דאן האבן די עסקנים אנגעהויבן צו ארבעטן מיט א ברען אויסצולייזן דעם צדיק וואס האט געליטן אין דעם קומאניסטישען גיהינום.

די חרד'ישע עסקנים האבן זיך געבראכן דעם קאפ, ווי אזוי אנצוקומען צו מר. האמערשילד, דער העכסטער "קאפ" פון די וועלטליכע יו. ען. אין יענע צייט. ווייל מר. האמערשילד האט געהאלטן דעם שליסל וואס האט געקענט עפענען דעם רומענישן טיר און אויסלייזן דעם סקולענער רבי'ן זצ"ל. האט מען זיך דערוואוסט, אז עס איז דא א "ראביי" אין שוועדן, מיט'ן נאמען קורט ווילהעלם, [וואס איז געווען ביים מלוה מלכה, ווען דער רבי האט געזונגען דעם ניגון.] דער ראביי ווילהעלם האט געהאט א יונגטפריינטשאפט מיט מר. האמערשילד. אבער, אזוי ווי מען האט פריער דערמאנט דער ראביי ווילהעלם איז געווען א מאדערנער ראביי, אז מען האט נישט געוואוסט אויב ער וועט זיין "ווארעם" צו דעם שתלנות פאר דעם רבי'ס ענטוועגן.

דורך אן אינטערעסאנטע השתלשלות, האט דער גרויסער עסקן הרב אהרן גודמאן אין לאנדאן מצליח געווען זיך צו טרעפן מיט דעם ראביי ווילהעלם וואס האט זיך געפינען אין לאנדאן אויף א באזוך דעמאלט. עס איז שוין געווען שפעט אין דער נאכט ווען ר' גודמאן האט זיך פארבינדען מיט'ן שוועדישן ראבינער אין האטעל אין לאנדאן. רב גודמאן האט אנגעהויבן צו רעדן וועגן דעם מצב, און דער שוועדישער ראביי האט אים געפרעגט, "וואס איז דער נאמען פון דעם רבי?" "ראבין פארטוגאל," האט הרב גודמאן געענטפערט. דער שוועדישער ראבינער האט אנגעהויבן צו וויינען. "געוואלד!" האט ער אויסגעשריגן, "דאס איז דאך מיין רבי!" רב גודמאן איז געווארן איבעראשט, ער האט נישט געוואוסט ווי אזוי דער שוועדישער רב האט געוואוסט פון דעם סקולענער רבי. עס האט געדויערט מער ווי א ווײלע און ראביי קורט ווילהעלם האט זיך בארוהיגט און דערציילט די גאנצע מעשה פון דעם מלוה מלכה אין רומעניע דעמאלט. ראביי ווילהעלם האט גלייך אנגערופן אהיים און מודיע געווען, אז ער קומט נישט אהיים, נאר ער פארט גלייך אויף ניו יארק, וואו ער האט זיך טאקע געטראפן מיט מר. דאג האמערשילד און אנגעפאנגען צו פארהאנדלען וועגן דעם ענין.

אבער ליידער איז דער ענין נישט ערלעדעגט געווארן אזוי שנעל ווי מען האט געהאפט. פשוט, רומעניע איז געווען א פארמאכטע מדינה וואס אפילו מר. האמערשילד מיט אלע זיינע כחות און פראטעקציע האט נישט געקענט ריקן. ווייל זיי האבן נישט געהאט אן אורזאך צו פארלאנגען זיין באפרייאונג לטובת די מערב וועלט. ליידער איז דער מצב געווארן שווערער פאר'ן רבי'ן אין תפיסה. די רשעים האבן אים געפייניגט.

רב גודמאן האט גערופן ראביי ווילהעלם מיט א נייע עצה: מען זאל טענה'ען אז דער סקולענער רבי איז א חשוב'ער קאמפאזיטאר פון שיינע ניגונים. דאס וועט אפשר זיין גענוג גוט א סיבה אז די מערב וועלט זאל זיך אינטערעסירן אין דעם רבי'ס קעיס, און דעמאלט וועלן זיי דרוקן רומעניע צו אויסלייזן דעם רבי'ן. ווייל להבדיל אלף אלפי הבדלות, איז דער די גוי'אישע וועלט שטארק מחשיב "מיוסיק" און "קאלטור."

רב גודמאן האט גערופן דעם שוועדישן ראבינער, ראביי ווילהעלם און ער האט אים איבערגעגעבן די נייע עצה ווי אזוי צו גורם זיין אז די וועלט זאל זיך אינטערעסירן וועגן א עלטערער איד וואס זיצט אין תפיסה אין א קומאניסטישע מדינה. ווייל דרוקן רומעניע איז נישט געווען קיין קלייניגקייט, און דער מערב וועלט האט געדארפט האבן גאר א גוטע סיבה זיך צו אריינמישן. אפשר דורך דעם וועלן די עסקנים קענען דערגרייכן עפעס מיט דעם טענה אז דער רבי איז א וויכטיג קאמפאזיטאר פון שיינע ניגונים, און די וועלט דארף זיין טאלאנט!

"איך מיין," האט מר. האמערשילד געזאגט, "אז דאס איז גענוג א סיבה, צו קענען אריינקלאפן אין די טיר פון די רומענישע רעגירונג, און זאגן אז די וויסנשטליכע קאלטור פון די מערב וועלט פאדערט דרינגענד די באפרייאונג פון ראביי פארטוגאל, וועלכער קען פיל ביישטייערן פאר איר אינטערעסן."

ראביי קורט ווילהעלם איז געווען אויסער זיך פון גליק, פון דעם פאזיטיווען אופן וואס מר. האמערשילד האט ארויסגעוויזן, און ער האט גלייך געשאפן די נויטיגע קאנטאקטן, אז די שתדלנים זאלן זיך קענען פארבונדען מיט'ן אפיס פון מר. האמערשילד, און באגלייטן די ווייטערדיגע פעולות. און ווירקליך איז עס געווען די דאמאלטיגע באגעגעניש וועלכע האט בעזהי"ת געעפענט דעם טיר, וואס האט מיט עטליכע וואכן שפעטער געפירט צו די פולשטענדיגע באפרייאונג פון סקולענער רבי'ן!

מיט עטליכע יאר שפעטער ווען דער רבי האט שוין געוואוינט אין ברוקלין, איז דער שוועדישער ראבינער געקומען אויף א באזוך קיין ניו יארק, וואו ער האט איינגעשטאנען אין איינע פון די גרויסע האטעל אין מאנהאטן. און ער האט גלייך אנגערופן צום רבי'ן אין שטוב און מודיע געווען אז ער וויל קומען אויף א באזוך.

דער רבי האט דעמאלט געשיקט זיין גבאי און לאנג יעריגער יד ימינו ר' יקותיאל ווייס שליט"א, אז ער זאל ספעציעל פארן צו אים און ברענגען אויף דעם באזוך.

"אויפ'ן גאנצן וועג," דערציילט ר' יקותיאל – "איז ראביי ווילהעלם'ס התרגשות און יראת הכבוד מיט התבטלות פאר'ן רבי'ן געווען אויסערגעווענליך. ער האט געהאלטן אין איין איבער'חזר'ן די ווערטער: "איך פאר איצט צו מיין רבי... וויפיל איז נאך דא צו פארן איך זאל קענען זיין ביי מיין רבי'ן..." אלעס דורך די סיעתא דשמיא פון דעם כח פון דעם באוואוסטן השתפכות הנפש'דיגן ניגון, אויף די פסוקים אין תהילים: "...יודע בגוים..." געזונגען געווארן דורך דעם סקולענער רבי'ן ביי יענע מלוה מלכה. (דער עיקר פון דעם מעשה איז גענומען פון "לבבן של ישראל" פון עמוד 294 און ווייטער)

עס איז אינטערעסאנט צו באמערקן אז דער סקולענער רבי האט געמאכט דעם באקאנטען ניגון "...יודע בגוים..." נאך פאר ער אליינס איז געווען אין תפיסה. דער סקולענער רבי זצ"ל'ס זון דער היינטיגער סקולענער רבי יבלחט"א דערציילט אז דער רבי זצ"ל האט נאר געמאכט פרייליכע ניגונים ווען ער איז געווען אין תפיסה, ווייל דער רבי האט אלעס מקבל געווען בשמחה. נאר, ער האט געמאכט דעם באקאנטן ניגון ווען אנדערע אידן האבן געליטן אין תפיסה, ווייל פאר אים איז דעמאלט געווען א "עת צרה" וואס א צווייטער איד ליידט. (געהערט פון ר' בן–ציון ליכטער שליט"א)

אין די וואכעדיגע פרשה, רעדט די הייליגע תורה וועגען די מצוה פון פרה אדומה. איינע פון די אינטערעסאנטע בחינות פון דער מצוה איז, אז עס האט *"מטהר טמאים, ומטמא טהורים."* פון דא קען מען ארויסנעמען א געוואלדיגע מוסר השכל, ד"ה מען דארף טון פאר יענעם אפילו עס איז גורם א שאדן פאר זיך! אין אמתן אריין איז דאס איינע פון די עיקרים פון זיין א חסיד, שטענדיג זוכן ווי אזוי מען קען טון טובות פאר אידן. אזוי ווי דער סאטמאר רב זצוקללה"ה האט אמאל געזאגט "א חסיד איז איינער וואס איז מוסר נפש צו טון א טובה פאר א איד." (געהערט פון ר' יוסף חיים גרינוואלד שליט"א) כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א זאגט אז די גרעסטע שמחה איז ווען מען קען טון א טובה פאר א איד, בפרט א צדיק. גוט שבת אלע אידן.

לע"נ ר' יעקב בן ר' נפתלי ע"ה :: לע"נ ר' יצחק בן ר' שמעון ע"ה :: נא לעיין בגליונות אחר התפילה ולא באמצע, כדי לזכות ולא להכשיל
לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)